# פרשת וישלח ה' – י"ד כסלו תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת וישלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **דניאל** נ"י, בן הר"ר **יואל דוד סאדרינאס** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יהושע מענדלאוויטש** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש טשערנאביל. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בן הר"ר **פנחס דוד בראדי** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמעון אליעזר קליין** הי"ו, שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן קס"ח סעיף ז') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ויצא** יעקב מבאר שבע וילך חרנה (כח-י), רש"י שטעלט זיך, אז עס וואלט גענוג צו שטיין וילך יעקב לחרן, יעקב איז געגאנגען קיין חרן, וואס איז דער לשון וילך חרנה.

**עס** שטייט אין די גמרא (מגילה יז.) אז יעקב האט געפעלט צוויי און צוואנציג יאר פונעם פאטער'ס שטוב, ווען ער איז אוועקגעגאנגען צו לבן. און ער איז נענש געווארן דערויף, אז יוסף איז אויך צוגענומען געווארן פון אים, און ער האט אים נישט געזען צוויי און צוואנציג יאר. דער **מהרש"א** (שם) שטעלט זיך, און ער פרעגט, פארוואס קומט זיך א עונש פאר יעקב, ער איז דאך אוועקגעגאנגען מיטן רשות פון זיין פאטער, ער האט אים דאך געזאגט גיי אוועק צו לבן אין שטוב, עד שוב אף אחיך ממך (כז-מד), און ער האט געפאלגט וואס מען האט אים געהייסען, און אב שמחל על כבודו, כבודו מחול (קידושין לב.), פארוואס איז יעקב נענש געווארן אויף כיבוד אב.

**דער מהרש"א** ברענגט צו פון ספר **אמרי נועם**, אז יעקב איז קודם געגאנגען פערצן יאר אין בית המדרש פון עבר צו לערנען, און אין די פערצן יאר האט זיך עשו בארואיגט, און די מוטער האט אים געשיקט א שליח צו זאגן, אז עשו האט זיך שוין בארואיגט, און דו קענסט שוין אהיימקומען. און יעקב איז נישט אהיימגעקומען, נאר ער איז געגאנגען צו לבן, עוסק צו זיין אין זיין זיווג, איז עס שוין נישט געווען די מצוה פון כיבוד אב, ווייל מען האט אים מודיע געווען אז ער קען שוין אהיימקומען. אזוי שטייט אין **מהרש"א**. - לויט דעם איז דער פשט, ויצא יעקב מבאר שבע, יעקב איז געגאנגען פון באר שבע, וילך חרנה, ווען דער חרון אף פון עשו איז שוין אוועקגעגאנגען, פון דעסטוועגן דאך איז ער געגאנגען אויף חרן.

**שטעלט** זיך די קשיא, פארוואס איז ער טאקע געגאנגען? ער וואלט דאך געדארפט בלייבן אינדערהיים. איי ער דארף טון א שידוך, אבער וואס האט זיין טאטע יצחק געטון ווען ער האט געדארפט א שידוך, ער האט געשיקט אליעזר, און אליעזר איז געגאנגען און ער האט געברענגט רבקה פון דארט אהער. האט דאך יעקב אויך געקענט טון די זעלבע, יצחק איז אויך געווען אזא עושר ווי אברהם אבינו, ער האט געקענט שיקן א שליח, אז מען זאל ברענגען רחל צו יעקב. פארוואס איז יעקב געגאנגען אהין.

**עס** שטייט אין מדרש (ב"ר סח-ג), יש שהוא הולך אצל זיווגו, ויש שזיווגו בא אצלו. עס איז דא אמאל וואס א מענטש דארף גיין נאך זיין זיווג, און אמאל איז דא וואס זיין זיווג קומט צו אים.

זאגט דער מדרש, יצחק איז זיווגו בא אצלו, ער איז געווען ביי זיך אינדערהיים, און זיין זיווג איז געקומען צו אים. יעקב איז געווען א הולך אצל זיווגו, ער איז געגאנגען צו זיין זיווג.

**דער** ביאור דערפון איז, זיווגים איז דאך אלעס אנגעשריבן פון אויבן. ארבעים יום קודם יצירת הולד מכריזין בת פלוני לפלוני (סוטה ב.), און אפילו הכי סיבת כל הסיבות איז אזוי אויסגעשטעלט, אז פאר איינעם קומט אן דער זיווג גרינג, און פאר איינעם קומט אן דער זיווג שווער. יצחק האט מען געברענגט דעם שידוך אויף א גאלדענעם טאץ, ער איז געזעסן ביי זיך אינדערהיים, עס שטייט אפילו נישט אין חומש, אז ער האט געוואוסט אז אליעזר איז אוועקגעגאנגען זוכן פאר אים א שידוך. אברהם האט אפגעשמוסט מיט אליעזר, אז ער זאל זוכן א שידוך פאר יצחק. ער זיצט אינדערהיים און ער לערנט, און מען האט אים אהיימגעברענגט א געלונגענע שידוך, ויביאה יצחק האהלה שרה אמו (כד-סז), זי איז געווען אזוי ווי שרה אמו.

**יעקב** האט ביטער שווער געארבעט פאר זיין שידוך. ער האט געדארפט איבערלאזן א הייליגע שטוב פון יצחק, איבערלאזן ארץ ישראל און ארויסגיין קיין חוץ לארץ, ער האט געארבעט פערצן יאר פאר זיין זיווג, הייתי ביום אכלני חורב וקרח בלילה (לא-מ).ביידע זענען געווען אנגעשריבן פון אויבן, די שידוך פון יצחק און די שידוך פון יעקב, אבער יעקב'ס שידוך איז געווען אזוי אויסגעשטעלט, אז ער האט געדארפט אדורכגיין גאנצע שוועריקייטן ביז ער איז אנגעקומען דערצו.

**דער** טעם דערפון איז, ווייל עס שטייט אין **רמב"ן** (יב-ו), אז די אבות האבן אויסגעטרעטן א וועג פארן כלל ישראל. ער ברענגט צו א מדרש (ב"ר ח-ו), אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, צא וכבוש את הדרך לפני בניך, דו זאלסט אויסטרעטן א וועג פאר דיינע קינדער, מעשי אבות סימן לבנים (תנחומא ט), יצחק האט אויסגעטרעטן א וועג פון שידוכים פאר יודען.

אבער יצחק'ס שידוך איז געווען אויף א וועג וואס עס איז אלעס אדורכגעגאנגען גלאטיג. עס איז געווען א רייכע שידוך, מען האט אנגעטראגען געלט, עס איז געווען אסאך קופצים דערויף. די מהלך פאר יודען פון אזא שידוך, איז געווארן אויסגעטרעטן דורך יצחק. אבער עס האט נאך אויסגעפעלט מען זאל אויסטרעטן א וועג פאר שידוכים ביי יודען, אז אפילו ווען מען האט גארנישט, מען איז בעירום ובחוסר כל, אזוי ווי יעקב ווען ער איז אוועקגעגאנגען פון שטוב. און אמאל איז עס פארבינדען מיט א עבודה וואס ער דארף ארבעטן דערויף, אויף דעם דארף מען אויך אויסטרעטן א וועג פאר כלל ישראל. יצחק און יעקב האט יעדער אויסגעטרעטן דעם וועג פאר זיין סארט זיווג. יש שהולך אצל זיווגו, ויש שזיווגו בא אצלו,ביידע האבן געדארפט טון זייער פעולה. יעקב האט פארשטאנען אז עס איז נישט גענוג וואס ער וועט זיצן אין שטוב, און מען וועט אים ברענגען זיין זיווג, ווייל עס וועט קיינמאל נישט ווערן אויסגעטרעטן א וועג אין דעם יש שהולך אצל זיווגו. און יעקב האט אויסגעטרעטן דעם וועג, אז ער איז געגאנגען צו זיין זיווג, און ער איז אהיימגעקומען פון דארט מיט א געלונגענע זיווג. ער איז אהיימגעקומען מיט א רייכע זיווג, ויפרוץ האיש מאוד מאוד (ל-מג). - על כל פנים היינט איז שוין דא אויסגעטרעטן א וועג פאר יעדן איינעם, זאל דער אייבערשטער צושיקן פאר יעדן איינעם, וואס ער דארף צו האבן.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **פנחס דוד בראדי** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יואל דוד סאדרינאס** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

*

***<u>יום שני פרשת וישלח</u>***

*אחר תפלת שחרית שימש* ***רבינו שליט"א*** *ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר* ***יוסף שלמה פרענקל*** *הי"ו, שהתקיים באולם סאמבאטהעלי.*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **יוסף לעווי** הי"ו (ק"י), עב"ג בת הר"ר **אלעזר יו"ט ליפא סאמעט** הי"ו, שהתקיים באולם סאמבאטהעלי.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **אברהם יעקב** (אבי) **שטערן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **גרשון טויבער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א**, עב"ג בן הרב **יעקב פעלדמאן** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר החתונה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **יצחק ווייס** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מרדכי פרענקל** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן ש"ב הרה"ג רבי **מאיר יחיאל מיכל דייטש** שליט"א אב"ד דקהל מעיני הישועה (מאנסי, בן הרה"ג **רבי יחזקאל דייטש** שליט"א אב"ד מקור חיים, וחתן **כ"ק האדמו"ר מפאפא** שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **חיים שלמה ראטענבערג** שליט"א, שהתקיים בבית המדרש פאפא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת וישלח***

אחר התפלה התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **ישעי' קיש** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב רבי **חיים ישעי' שווימער** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **משה שמואל פרענקל** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **ברוך מנחם גרינבערגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם רייפער** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

אחר השבע ברכות השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **משה בנימין הויער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ישעי' לאנדא** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **יחיאל אייזיק וויינשטאק** הי"ו (בן הר"ר **יצחק זאב וויינשטאק** הי"ו), עב"ג בן הר"ר **מנחם לעדערער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'.

*

***יום רביעי פרשת וישלח***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אלי' דוב סאמפאלינסקי** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש תורת חיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ראזענבערג ע"ה (אלמנת הר"ר **צבי ראזענבערג** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן ש"ב **הרה"ג רבי**

**חיים אלעזר מאנדלאוויטש שליט"א** (חתן כ"ק הגה"צ מסעראדהעלי שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי דוד משה מייזליש שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד שאפראן שליט"א), שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**. אחר ברכת המזון רקד מצוה טאנץ לפני הכלה.

*

<u>*יום חמישי פרשת וישלח*</u>

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יעקב יהודא קאהאן הי"ו**. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות וקריאת השם.

כמו כן התקיים הברית של בן הר"ר **שמעון מרדכי ראטענבערג הי"ו**. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות וברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

<u>*וזה תוכן הדברי תורה:*</u>

**די** וואך אין די פרשה, דערציילט די תורה די מעשה פון דינה, אז די בני יעקב האבן געזאגט, אז מיר קענען נישט זיין צוזאמען, אך בזאת נאות לכם, אויף איין וועג קענען ענק מרוצה ווערן, אם תהיו כמוני להמול לכם כל זכר, אויב איר וועט זיין אזוי ווי אונז, און עטץ וועטס ענק מל'ן, ונתנו בנותינו לכם, ואת בנותיכם נקח לנו (בראשית לד-טו). זיי האבן אנגענומען די תנאי, און שפעטער זענען געקומען שמעון און לוי, און זיי האבן אויסגע'הרג'ט גאנץ שכם. בפשטות קוקט עס עפעס אויס, אז מען האט געטון נישט ריכטיג. מען האט אויסגע'נאר'ט יענעם, זיי האבן זיך גע'מל'ט, און זיי זענען געווארן שוואך, בהיותם כואבים, און דעמאלטס איז מען געגאנגען און מען האט זיי גע'הרג'ט. מען רעדט דאך פון שבטי י-ה, תתן אמת ליעקב (מיכה ז-כ), מוז דאך זיין, אז זיי האבן געהאט עפעס א פתח אין זייערע ווערטער, אז מען האט נישט געהאלטן דעם תנאי.

**עס** שטייט אין **ערוגת הבשם** (בפרשתנו ד"ה אך בזאת), אז אין **רמב"ם** (מורה נבוכים פרק מט) שטייט, אז די טעם פארוואס מען מל'ט זיך, איז להחליש כח התאוה. קדושת המילה, אדער די עצם מילה, איז מחליש די כח פון תאוה. קומט אויס, אז ווען א יוד מל'ט זיך, מל'ט ער זיך וועגן דעם, כדי ער זאל קענען מחליש זיין זיינע תאות. ווען מען האט זיי געבעטן אז זיי זאלן זיך מל'ן, האבן זיי זיך גע'מל'ט נישט להחליש כח התאוה, נאר פארקערט, אז זיי זאלן קענען דורך דעם זיך משדך זיין צוזאמען מיט די בני יעקב. די בני יעקב האבן זיך אויסגענומען, אך בזאת נאות לכם, אם תהיו 'כמוני' להמול לכם כל זכר, אויב די מילה ביי ענק וועט זיין 'כמוני', אזוי ווי ביי אונז. זיי האבן זיך טאקע גע'מל'ט, אבער 'כמוני' איז עס נישט געווען, ווייל ביי אונז איז א ברית מילה להחליש כח התאוה, און זיי האבן זיך גע'מל'ט מיט א פארקערטע כוונה. וועגן דעם האבן זיי געהאט א רעכט, אז זיי זאלן קענען הרג'ענען שכם.

**עס** קען אפשר זיין נאך א ענין דערין. מען זאגט ביי די ברכה פון א ברית מילה, אשר קדש ידיד מבטן, וחק בשארו שם, וצאצאיו חתם באות ברית קודש (שבת קלז:). וואס איז פשט אין די ערשטע ווערטער, אשר קדש ידיד מבטן, דער אייבערשטער האט מקדש געווען ידיד מבטן, וחק בשארו שם, און דער אייבערשטער האט געלייגט דעם חק פון ברית מילה. אין די ראשונים שטייט, אז עס גייט ארויף אויף יצחק. יצחק ווערט אנגערופן ידיד ה' (על שם אשר אהבת (בראשית כב-ב). רש"י שם), אשר קדש ידיד, דער אייבערשטער האט מקדש געווען יצחק, מבטן, בעפאר ער איז געבוירן האט אים דער אייבערשטער געגעבן די מצוה פון מילה.

**עס** קען אפשר זיין, אז עס ליגט דערין נאך א ענין. די גמרא (נדרים לא:) זאגט אקעגן א נדר, אז אויב מען האט געמאכט א נדר, אז מען גייט נישט נהנה זיין פון מהולים, ווערט א גוי נישט אריינגערעכנט דערין, אפילו ער איז גע'מל'ט. אפילו א גוי מל'ט זיך, ווערט ער נישט אנגערופן אז ער איז מהול. א יודיש קינד קומט אראפ מיט א נשמה, א חלק אלו-ה ממעל, וואס עלטערן געבן זייער חלק, און הקב"ה גיט זיין חלק, און

דעם אייבערשטענס חלק, די נשמה וואס א יוד האט אין זיך, איז דער חשוב'סטער חלק.

**די** חדשים וואס מען איז במעי אמו, זאגט די גמרא (נדה ל:) אז עס איז דא א מלאך וואס לערנט מיט אים כל התורה כולה, נר דלוק על ראשו, וצופה ומביט מסוף העולם ועד סופו, דאס קינד זעהט פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט. עס איז נישט דא נאך אזא סארט קדושה אויף א קינד, ווי א קינד וואס איז בבטן אמו. מי יתנני כירחי קדם (איוב כט-ב), מען בענקט זיך נאך די צייטן וואס מען איז דעמאלטס געווען. מען פארגעסט טאקע די גאנצע תורה ווען מען קומט אהער, אבער יעדעס יודיש קינד האט אמאל געהאט אין זיך א געוואלדיגע קדושה. בעצם די נשמה וואס דער אייבערשטער האט אים אריינגעגעבן, און ער האט געקענט כל התורה כולה, און עס איז געווען א נר דלוק, וואס ער האט געזען מסוף העולם ועד סופו, דאס לאזט איבער א חלק פון קדושה אינעם יוד. און דאס גיט שפעטער די כוחות, אז א יוד זאל קענען אויסוואקסען א צדיק און א ערליכער יוד, ווייל ער האט שוין געהאט די הכנה מבטן אמו.

**איין** זאך האט אים נאר געפעלט, ער איז נישט געווען גע'מל'ט, ער האט נישט געהאט אויף זיך קדושת המילה, און ערלה דאס איז מעכב עבודת ה'. האט דער אייבערשטער געזאגט פאר אברהם אבינו, ווען ער האט אים געגעבן די מצוה, התהלך לפני והיה תמים (בראשית יז-א), איך האב דיר צוגעשטעלט אלע כלים אז דו זאלסט זיין א ערליכער יוד. איך האב דיר אויסגעלערנט כל התורה כולה, איך האב דיר געגעבן א נר וואס איז דלוק, און מען זעהט מסוף העולם ועד סופו. אבער דו ביסט נאכנישט תמים, דו ביסט נאכנישט גאנץ, עס איז נאך דא איין זאך וואס עס פעלט דיר. אויב דו וועסט זיך מלן, מיט דעם וועסטו ווערן גאנץ, און דו וועסט נאכדעם האבן אלע כלים צו קענען זיין א עובד ה'.

**וועגן** דעם איז אזוי חשוב מצות מילה, אז עס איז נכרתו עליה י"ג בריתות (נדרים לא:). ווייל ביי שבת געפונט מען, אז עס איז דא ל"ט מלאכות. איין מלאכה איז דא, וואס אפילו א קלייניגקייט וואס מען האט נאר געטון, איז עס א מלאכה, מכה בפטיש. דעם לעצטן קלאפ וואס א מענטש גיט אויף א זאך, און מיט דעם האט ער צוגעענדיגט די זאך, אפילו עס איז נאר א קלייניגקייט, ער האט נאר געגעבן איין קלאפ, איז ער חייב סקילה, כאילו ער וואלט געטון די גרעסטע מלאכה. ווייל די שלימות פון א זאך, דאס גיט א עקסטערע חשיבות דערויף. 'מילה' דאס איז והיה תמים, מיט דעם ענדיגט זיך אלע כלים וואס א יוד גרייט זיך צו, צו עבודת ה'.

**דאס** איז נאר שייך ביי א יוד. א גוי ווען ער מל'ט זיך, ווערט ער נישט א תמים דערמיט. ער האט נישט א נשמה וואס איז א חלק אלו-ה ממעל, ער האט קיינמאל נישט געקענט די גאנצע תורה, די אלע ענינים איז נישט געווען ביי אים, אז מען זאל זאגן אז עס פעלט אים נאך אויס מילה, כדי ער זאל משלים זיין וואס עס פעלט אים. עס האט זיך נאכנישט אנגעהויבן ביי אים. איז מילה פון א גוי, נישט די זעלבע ווי מילה פון א יוד. א יוד איז די מילה והיה תמים, מיט דעם האט ער זיך משלים געווען, יעצט האט ער אלע כלים צו דינען דעם אייבערשטען, אבער ביי א גוי איז עס נאר מילה, ער האט זיך גע'מל'ט, אבער מיט דעם איז נישט פארענדיגט געווארן זיינע כלים צו עבודת ה'.

**ווען** מען מל'ט א קינד דאנקט מען דעם אייבערשטען, און מען זאגט, 'אשר קדש ידיד', דער אייבערשטער האט שוין מקדש געווען דאס קינד, 'מבטן', דער אייבערשטער האט אים שוין אויסגעלערנט כל התורה כולה מבטן. דער אייבערשטער האט אים געגעבן א אור וואס ער האט געקענט זעהן מסוף העולם ועד סופו, אבער איין זאך האט אים געפעלט, קדושת המילה. 'וחק', דער חוק פון מילה, 'בשארו', וואס איז נאך איבערגעבליבן פון אים, 'שם', האט דער אייבערשטער יעצט אריינגעלייגט אינעם קינד, משלים צו זיין וואס עס איז נאך געבליבן. דער אייבערשטער גיט טאקע אלעס, אבער דער מענטש דארף אויך עפעס צו טון דערצו. דער 'שארו', דאס וואס איז נאך איבערגעבליבן פון

אים, וואס דער אייבערשטער האט נישט מקדש געווען דעם ידיד מבטן, אויף דעם האט דער אייבערשטער אונז געגעבן די חוק פון מילה, און דורכדעם קען א יוד דינען דעם אייבערשטען.

**די** בני יעקב האבן געזאגט פאר שכם, אז זיי זאלן זיך מל'ן. שכם קען זיך מל'ן, אבער עס איז נישט 'כמוני', זייער מילה איז נישט אזוי ווי אונז. און דעם תנאי וואס מען האט זיך אויסגענומען, אם תהיו כמוני להמול לכם כל זכר, דאס איז נישט געווען ביי זיי. און ווייל זיי האבן נישט געהאלטן דעם תנאי, וועגן דעם האבן די בני יעקב געהאט א רעכט, אז זיי האבן געקענט הרג'ענען שכם.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמואל צבי פריעד** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יודל בינער** הי"ו, שהתקיים באולם די מארקיז.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן **הרב רבי ישעי' סאקס שליט"א**, עב"ג בת **הרה"ג רבי נתן נפתלי הורוויץ שליט"א** אב"ד אור יחזקאל ב"פ, שהתקיים באולם קראסנא.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **סענדר גאלדשטיין** ע"ה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **שאול ארי' זילבער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אלי' ניימאן** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת וישלח***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרב רבי אברהם ברוך באבאד שליט"א**.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **צבי קאהאן** הי"ו, חתן הר"ר **שמואל צבי פריעד** הי"ו. בסיום הדברי תורה הוסיף **רבינו שליט"א** דברים אחדים לקראת נסיעתו לארה"ק יחד עם קהל עדת מרעיתו, לרגל שמחת הבר מצוה של נכדו הבחור **אברהם דוד** ני"ו, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

***וזה תוכן הדברים:***

**מה'** מצעדי גבר כוננו, אלעס פירט זיך פון אויבן, יעדע טריט פון א יוד איז אויסגערעכנט, יעדער איד האט מתקן צו זיין וואו ער דארף מתקן צו זיין, און פון הימל טוט מען אלץ צופירן סיבות, וואו ער דארף אנצוקומען. מען ווייסט נישט די סיבות פארוואס מען גייט, אמאל מען גייט געשעפטליך, אמאל גייט מען וועגן שמחות, עס איז אלעס נאר צו פארשטעלן דעם מענטש אויף וואס ער האט באמת צו גיין. וואו א איד גייט האט ער אויפצוטון דארטן וואס איז נוגע פאר זיין שורש נשמה.

**מען** גייט די וואך אי"ה אויף ארץ ישראל, אויף א שמחה, מיין חשוב'ער אייניקל ווערט בר מצוה. ביי יעדן טאטן, ביי יעדן זיידן, איז חשוב נאך א קינד נאך א אייניקל וואס מען ברענגט

אריין לעול התורה והמצות. ביי דעם אייניקל איז עס אן עקסטערע חשיבות. איך דאנק דעם אייבערשטען, יעדער ווייסט, אז ער איז פאר א יאר אדורכגעגאנגען א שווערע תקופה, בין מות לחיים, און ב"ה ער איז געזונט און שטארק, און ער גייט אריין לעול התורה והמצות. וויפיל איז מען שולדיג מכיר טובה צו זיין פארן רבונו של עולם, אויף די חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז שטענדיג. ברוך אלקינו אשר טוב גמלנו, כרחמיו ורוב חסדיו הגדיל לנו.

**עס** גייט אויף מיט א ציבור. מען ווייסט אז בפלטרין של מלך איז אנדערש ווי ווען מען איז אינדרויסן. מען דארף זיך אויפפירן אנדערש ווען מען קומט אין פאלאץ פונעם מלך, ווי ווען מען איז פון דערווייטנס. איבעראל געפונט זיך דער אייבערשטער, אבער אפילו הכי איז עס נישט דומה, אין דער תורה אליין שטייט, אז עס איז א חילוק צו מען געפינט זיך בפלטרין של מלך, צו מען געפינט זיך ערגעץ אנדערש, ולא תקיא הארץ אתכם. אין דער צייט וואס מען איז דארטן דארף מען זיך מער היטן נישט נכשל ווערן אין קיין שום זאך.

**דער** עיקר איז, מען גייט צום שער השמים מתפלל צו זיין און בעטן במקום קיבל תפילות. אלע תפילות גייען דאך ארויף דורך ארץ ישראל, און אז מען געפינט זיך דארט, דארף יעדער מתפלל זיין אויף זיינע צרכים. דער עיקר דארף מען מתפלל זיין אויף גוטע דורות, ערליכע קינדער, די שלשלת הזהב זאל נישט אפגעריסן ווערן, מען זאל קענען ווייטער זעהן דורות ישרים ומבורכים. עס איז ליידער געווארן א שווערע תקופה, די וואס האבן קינדער און אייניקלעך, דארפן מתפלל זיין אויף זיי, שלא ייבש המעין ולא יקצץ האילן.

**און** נישט נאר בעטן, נאר אויך דאנקן דעם אייבערשטן. עס איז דא אזויפיל אויף וואס צו דאנקן דעם רבונו של עולם. מען קוקט אייביג נאר אויף די שוואכע זייט וואס עס פעלט אים, און מען איז אלץ פארנומען נאר מתפלל זיין אז עס זאל אים גיין נאך בעסער, ער זאל האבן נאך מער. אוודאי דארף מען בעטן און מתפלל זיין, אבער וויפיל מער דארף יעדער איד דאנקן דעם אייבערשטן, ער איז שולדיג א הודאה פארן רבונו של עולם, אז ער איז געזונט, און ער האט פרנסה בהרחבה, און מען זעהט נחת ביי די קינדער און קינד'ס קינדער. ב"ה דער אייבערשטער האט אונז געשיקט אין אזא מדינה וואס מען רודפט נישט קיין יודן, און מען קען אויסנוצן די צייט צו לערנען און דאווענען, דינען דעם אייבערשטן, און נתעלה ווערן. אילו פינו מלא שירה כים, ולשונינו רנה כהמון גליו, אין אנו מספיקין להודות לך.

**און** וואו דארף מען דאנקן דעם אייבערשטן? ווען מען געפונט זיך בפלטרין של מלך דארף מען דאנקן. יעדע פרייע מינוט וואס מען האט, דארף מען אוועקגעבן צו זאגן א קאפיטל תהלים, און דאנקן דעם אייבערשטן. מען קען דאנקן דעם אייבערשטן אפילו נאר מיט פשוטע ווערטער וואס יעדער יוד זאגט, און איבער זאגן, און נאכאמאל איבער זאגן, דאנקן דעם רבונו של עולם אויף דעם גוטס וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז. מען דארף אוועקגעבן די טעג אויף תפלה און הודאה פארן רבונו של עולם.

**עס** שטייט אין חז"ל (פסחים נ.), און עס איז על פי הלכה אזוי (יו"ד סימן רי"ד), און אין מענטשליכקייט איז אויך אזוי, אז ווען מען קומט אויף א פלאץ, דארף מען זיך פירן כחומרי המקום שיצא משם, און כחומרי מקום שהלך לשם. ווען די מלאכים זענען געקומען אויף די וועלט האבן זיי משנה געווען זייער סדר, ווען זיי זענען געקומען צו אברהם אבינו אין שטוב, האבן זיי געגעסן און געטרינקן, אפילו עס איז א זאך וואס האט בכלל נישט קיין שייכות מיט זיי, דארף מען זיך אזוי פירן, אזלת לקרתא הלך בנימוסיה (שמו"ר מז-ו).

**איך** האב געוואלט מעורר זיין אויף א נקודה. יעדער ווייסט, די כלים וואס איז היינט דא, און די מכשולות וואס עס איז דא דערין. און אין א געוויסע זין, איז אין ארץ ישראל שענער אויסגעשטעלט ווי אין חוץ לארץ. אין ארץ

ישראל ווייסט יעדער, אז א היימישער איד האט א געהעריגע כשר'ע טעלעפאן, א טעלעפאן וואס איז מאושר. מען האט אנדערע טעלעפאנען פאר געשעפטן, ווי פאר פריוואטקייט. ביי אונז דא, איז עס נישט אזוי ווי עס איז דארט, יעדער קען עס דארט דערקענען, אפילו פון די נאמבע"ר אליינס, ווייסט מען שוין פון וואו מען רופט. עס איז דא סיבות שונות פארוואס עס איז דארט יא אזוי געווארן. דארט האבן די קאמפאניס זיך צוגעשטעלט דערצו, מען האט עס געקענט פארשאפן. מען האט דא אויך פראבירט אבער עס איז נישט געגאנגען. אבער על כל פנים עס האט זיך אזוי אויסגעשטעלט, אז ביי אונז איז מער נפרץ די סמארטפא"ן, ווי עס איז אין ארץ ישראל.

**אז** מען קומט אהין, און א יונגערמאן פון דא, נעמט ארויס א סמארטפא"ן וואס קיינער טוט עס נישט דארטן, יעדער ערליכער איד איז אפגעהיטן דערפון, ווייס איך נישט צו על פי דין מען מעג עס אפילו ארויסנעמען, ווען מען קומט אויף א מקום, דארף מען זיך פירן אזוי ווי דער מקום. ווען איינער פון חוץ לארץ נעמט עס ארויס ברבים, טוט ער אפקילן די ערליכקייט, און די ווארעמקייט וואס מען האט דערצו. מען זעהט דארט נישט אז א היימישער איד זאל עס טון. אויב מען דארף עס האבן געשעפטליך וכדומה, זאל מען עס האלטן ביי זיך אין שטוב, אבער ברבים זאל מען נאר נוצן א פשוטען טעלעפאן. אז מען האט געלט פאר עפעס אנדערש, האט מען געלט פאר א פשוטע טעלעפאן אויך. מען זאל זיך אפהיטן פון וואס מען דארף, ווען מען געפונט זיך דארטן.

**דער** עיקר איז, דער אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל נתקבל ווערן אלע אונזערע תפלות לרחמים ולרצון. כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך, מען זאל גיין געזונטערהייט און צוריק קומען געזונטערהייט. דער אייבערשטער זאל געבן מען זאל נישט דארפן צוריק קומען, עס זאל זיין ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, מען זאל דארטן מקבל זיין פני משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת רייכמאן ע"ה (אלמנת הר"ר **אהרן יעקב רייכמאן** ע"ה, מלמד בת"ת דקהלתנו הק' בוומסבו"ג).

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** איך געדענק ווען דער **ווינער רב זצ"ל** האט פאראהערט מיין טאטע'ס כיתה.

**רבינו:** דער רב איז געקומען אין חדר?

**א' האבלים:** ניין, מען איז אריבערגעגאנגען צו אים אינדערהיים אויף ווילסאן סט. און איך געדענק ווי ער האט מפליא געווען ווי אזוי די קינדער האבן געקענט.

ווען דער **סאטמארער רב זצ"ל** פלעגט אדורכגיין אויף בעדפארד עוועניו אויפן וועג צום דאווענען, פלעגט מיין טאטע ז"ל אראפנעמען די קינדער וואס האבן נישט געוואוינט אין וויליאמסבורג, אז זיי זאלן זעהן ווי דער **סאטמארער רב** גייט, ווייל אז נישט וועלן זיי קיינמאל נישט קענען דעם **סאטמארער רב**.

**רבינו:** אמאליגע מלמדים האבן אלעס אינזין געהאט. מען געפונט אין די גמרא (עירובין יג:) אז רבינו הקדוש האט געזאגט, אז דאס וואס ער איז מער פון זיינע חברים, איז ווייל ער האט געזעהן דעם רבי'ן פון זיין רוקן, און ווען ער וואלט ווען געזען דעם פנים, וואלט ער געווען נאך מער. והיו עיניך רואות את מוריך (ישעיה ל-כ).

**א' האבלים:** איך האב געהערט נאכזאגן פון רבי יוסף אשכנזי, אז אמאל איז דער **סאטמערער רב** געווען זייער שוואך, און מען האט געזאגט אז דאס יאר וועט ער נישט פארן באזוכן אין די קעמפס, ווייל ער האט נישט קיין כח. ביינאכט האט דער **סאטמארער רב** געזאגט פאר רבי יוסף, איך מיין אז איך גיי יא פארן. עס איז אפשר דא קינדער וואס האבן מיך נאך קיינמאל נישט געזען, און עס וועט זיי צונוץ קומען.

**רבינו:** דער **בעלזער רב זצ"ל** האט געוואוינט אין תל אביב, און ער פלעגט צו פארן קיין ירושלים. און בעפאר ער איז אנגעקומען קיין ירושלים, אין די געגנט פון מוצא, פלעגן די קינדער ארויסקומען מקבל פנים זיין. די לעצטע יאר, האט ער געהייסען אז מען זאל אים אנטון דעם קאלפיק, כדי די קינדער זאלן אים געדענקען ווי אזוי ער האט אויסגעקוקט מיטן קאלפיק.

**א' האבלים:** דער **צאנזער רב זי"ע** האט געזאגט, אז ער געדענקט דעם **רבי משה לייב סאסובער זי"ע**, ווייל די מאמע האט אים גענומען, און זי האט אים געגעבען א פעטש'ל, און זי האט אים געזאגט, אז ער זאל קוקן. ער איז אלט געווען צוויי יאר, ווען ער האט אים געזען דעם **רבי משה לייב סאסובער זי"ע.**

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו, שנערכה בבית מדרשנו, על ידי לומדי כולל בוקר **'אוהב שלום'** דקהלתנו הק', ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת שבע ברכות פון א זון פון רבי דוד זאל זיין געזונט, א היימישע שבע ברכות מיט גוטע פריינט צוזאמען, די גאנצע בית המדרש האט א געוואלדיגע הנאה פון אלעם וואס ער שטעלט צו, סיי דא ביי אונז אין די שול, און סיי אין די מוסדות. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז ער זאל קענען זעהן אסאך יודיש נחת ביי אלע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב, מיט א פרייליך הארץ.

**די** תורה הק' זאגט, אז יעקב האט געזאגט פאר עשו, עם לבן גרתי ואחר עד עתה (לב-ה). און רש"י זאגט, ותרי"ג מצות שמרתי, איך האב אפגעהיטן אלע תרי"ג מצות, ולא למדתי ממעשיו הרעים, און איך האב זיך נישט אפגעלערנט פון זיינע שלעכטע מעשים. געווענליך אז מען זיצט אזוי לאנג צוזאמען מיט א רשע, קלעבט זיך דאך עפעס אן. אבער יעקב האט געזאגט, אז ביי אים האט זיך גארנישט אנגעקלעפט פון עשו, ולא למדתי ממעשיו הרעים, איך האב זיך נישט אראפגעלערנט פון זיינע שלעכטע מעשים.

**אז** ער זאגט שוין, אז ער האט אפגעהיטן די תרי"ג מצות, דארף מען דאך נישט צוגעבן, אז ער האט זיך נישט אראפגעלערנט פון זיינע מעשים, ווייל אז מען לערנט זיך אראפ פון די מעשים פון לבן, האט מען דאך נישט מקיים געווען די תרי"ג מצות. וואס האט ער צוגעבן דערצו, ולא למדתי ממעשיו הרעים, איך האב זיך נישט אראפגעלערנט פון זיינע שלעכטע מעשים.

**מען** זיצט ביי א סעודת שבע ברכות, דער חתן שטעלט אויף א נייע שטוב, א ערליכע שטוב, א שטוב ווי עס איז איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם (סוטה יז.), עס זאל קענען זיין דארט א השראת השכינה. די תורה הק' זאגט א מצוה, קדושים תהיו (ויקרא יט-ב), מען דארף זיין הייליג. רש"י טייטשט, הוו פרושים מן העריות. און דער **רמב"ן** זאגט, קדש עצמך במותר לך, א מענטש דארף זיך מקדש זיין, אז אפילו א זאך וואס איז מותר, דארף מען זיך פירן בקדושה.

**דער רמב"ן** איז מאריך דערין, און ער זאגט, אז די תורה האט געגעבן רשות אז מען קען חתונה האבן, אבער מען קען אמאל זיין א נבל ברשות התורה, אזוי רופט ער עס אן. די תורה גיט א רעכט אז מען קען עסן, ער קען אמאל זיין א נבל ברשות התורה, ער קען זיין פון די זוללי בשר וסובאי יין. די תורה גיט א רעכט אז מען קען רעדן, אבער מען קען אמאל רעדן זאכן וואס מען דארף נישט. עס איז זאכן וואס מען קען נישט אנצייכענען אין שלחן ערוך אז מען טאר עס נישט טון. און וואס ער וועט טון, וועט ער זאגן, איך בין אויסגעהאלטן על פי שלחן ערוך, ווייז מיר וואו עס שטייט, אז מען טאר נישט, און עס שטייט טאקע נישט. אבער אויף דעם קומט די מצוה פון קדושים תהיו, אז א יוד דארף זיך פירן בקדושה, מען דארף זיך פירן הייליג.

**און** דאס האט זיך יעקב אבינו אויפגעטון. תרי"ג מצות שמרתי, איך האב אפגעהיטן אלע תרי"ג מצות, אבער דו וועסט מיינען אז איך האב נאר אפגעהיטען די תרי"ג מצות אליין, אבער מען קען אמאל זיין א נבל ברשות התורה אויך. מען קען זיך אפלערנען פון לבן ווי אזוי מען עסט און מען טרינקט, און ווי אזוי מען פירט זיך אויף, און האלטן די תרי"ג מצות אויך. אבער איך האב ביידע מעלות, 'תרי"ג מצות שמרתי', איך האב אפגעהיטן די תרי"ג מצות, 'ולא למדתי ממעשיו

הרעים', און איך האב זיך נישט אראפגעלערנט פון זיינע שלעכטע מעשים, איך זאל זיך פירן אזוי ווי ער, אויסגעהאלטענערהייט. א יוד דארף זיך פירן בקדושה, ער דארף פירן א הייליגע שטוב, נישט צו זיין א נבל ברשות התורה.

**לב"ן** איז די זעלבע אותיות פון נב"ל, דאס איז געווען לבן. ולא למדתי ממעשיו הרעים, איך האב זיך נישט אראפגעלערנט פון זיינע מעשים. וואס לב"ן איז געווען א נב"ל אליין, און יעקב האט זיך נישט אראפגעלערנט צו זיין א נבל אפילו ברשות התורה, אז אפילו מען פירט זיך אויף ערליך, פון דעסטוועגן דאך זאל מען האבן אין זיך א מדה וואס פעלט פון דעם קדושים תהיו.

*

**יעקב** האט זיך אויפגעטון אז ער האט זיך נישט אראפגעלערנט פון די שלעכטע מעשים פון לבן. איז דאך דער טייטש, אז ווען מען וואוינט מיט איינעם צוזאמען, לערנט מען זיך אפ פון אים, און ער האט זיך געדארפט אויפטון אז ער האט זיך נישט אראפגעלערנט פון זיינע מעשים. פארוואס זעהט מען נישט, אז לבן זאל זיך עפעס אראפלערנען פון יעקב. אויב א חברותא איז גורם אז מען לערנט זיך אראפ פון יענעם, און יעקב דארף זיך אויפטון אז ער האט זיך נישט אראפגעלערנט פון די מעשים פון לבן, פארוואס איז לבן וואס האט געוואוינט אזויפיל יארן צוזאמען מיט יעקב, געבליבן דער זעלבער לבן, וואס לבן ביקש לעקור את הכל.

**איך** האב געזען אמאל שטיין פונעם **וואדיסלאווער רב זצ"ל**, אין זיין ספר **ירבה תורה** (פ' בשלח אות י"ג), אז מען זעהט אז מיט דתן און אבירם האט מען געהאט צוטון כל ימיהם. אנגעהויבן פון מצרים, וואס זיי זענען געווען די רשעים. און ווען מען איז ארויסגעקומען אינעם מדבר, און מען האט נישט געטארט איבערלאזן פונעם מן, האבען זיי יא איבערגעלאזט. ווען מען האט זיך געקריגט ביי קרח, זענען דתן ואבירם דארט געווען. ביז עס איז געקומען זייער סוף, אז דער ערד האט זיי איינגעשלינגען. ווי קומט דאס, אז א רשע זאל בלייבען אזא רשע כל ימיו, און עס האט אים גארנישט איבערגענומען קיין שום זאך, יציאת מצרים מיט קבלת התורה, ער האט געזען וואס משה רבינו איז, און ער איז ארויסגעגאנגען זיך קריגען מיט משה.

**זאגט** ער זייער א שיין ווארט, א דבר נפלא. עס שטייט פונעם **אר"י הק'** (לקוטי תורה פ' וירא) אז יודען האבען נישט געקענט בלייבען לענגער אין מצרים, ולא יכלו להתמהמה (שמות יב-לט), ווייל מען איז געווען נאנט צו די נ' שערי טומאה. און אז מען קומט אריין אין די נ' שערי טומאה, קען מען פון דארט נישט ארויסגיין. און דער אייבערשטער האט ארויסגענומען די יודען פון מצרים אין די לעצטע מינוט, ולא יכלו להתמהמה, זיי האבען נישט געקענט בלייבען דארט לענגער.

**עס** שטייט אין תרגום יונתן אויפן פסוק (בשלח יד-ג), ואמר פרעה לבני ישראל נבוכים הם בארץ, ווען יודען וועלן ארויסגיין, וועט פרעה זאגן פאר די יודען, אז זיי זענען נבוכים בארץ. פרעגט דער תרגום יונתן, פארוועם וועט ער זאגן? עס איז דאך נישט געבליבן קיין בני ישראל אין מצרים, אלע זענען דאך ארויסגעגאנגען פון מצרים. רש"י טייטשט, אז פרעה וועט זאגען אויף די יודישע קינדער. אבער דער תרגום יונתן זאגט, אז דתן ואבירם זענען נישט ארויסגעגאנגען פון מצרים ווען יעדער איז ארויסגעגאנגען, זיי זענען געבליבן דארט. און ואמר פרעה לבני ישראל נבוכים הם בארץ, האט פרעה גערעדט צו דתן ואבירם. - און אז זיי זענען נישט ארויסגעקומען פון מצרים, ווי אזוי זענען זיי אנגעקומען שפעטער אין מדבר, שטייט אין מדרש, אז דער אייבערשטער האט געמאכט א עקסטערע נס פאר דתן ואבירם, זיי זענען ארויסגעגאנגען צוזאמען מיט די מצריים בשעת מען איז געגאנגען צום ים, און אז זיי זענען געווען אויף די זייט פון די מצריים, וואלטן זיי געדארפט איינזינקען אינעם ים, און דער אייבערשטער האט זיי געמאכט א עקסטערע וועג, אז זיי האבן געקענט אדורכגיין, און זיי האבן זיך געטראפן צוזאמען מיט יודען.

**קומט** דאך אויס, אז דתן מיט אבירם זענען געבליבן אין מצרים לענגער פון גאנץ כלל ישראל, זענען זיי דאך אריינגעפאלען אין די נו"ן שערי טומאה, און פון די נו"ן שערי טומאה קען מען נישט ארויסקומען. וואס עס זאל נאר פאסירן, און וואס מען זאל נאר זעהן שפעטער די גרויסקייט פונעם אייבערשטען, בלייבט מען ביי דעם וואס מען איז געווען. פון די מ"ט שערי טומאה קען מען ארויסקומען, אבער נישט פון די נו"ן שערי טומאה.

**לבן** איז געווען אזויפיל אין טומאה, אז ער איז געווען אין די נו"ן שערי טומאה, און אז מען איז אין די נו"ן שערי טומאה, דעמאלט קען מען פון דארט נישט ארויסקומען. איז ממילא קען לבן זיצען צוזאמען מיט יעקב, און אויפשטעלן א רחל מיט א לאה, און י"ב שבטי י-ה, אבער אים האט עס נישט געטוישט. וועגן דעם איז 'לבן' די אותיות 'לב נ', זיין הארץ איז געווען אין די נו"ן שערי טומאה, און אז מען איז אין די נ' שערי טומאה, קען מען פון דארט נישט ארויסקומען. וועגן דעם איז לבן געבליבן דער זעלבער, ער האט זיך קיינמאל נישט אראפגעלערנט פון די מעשים פון יעקב. יעקב האט זיך אויפגעטון פאר א חידוש, אז לא למדתי ממעשיו הרעים, איך האב זיך נישט אראפגעלערנט פון זיינע שלעכטע מעשים. כאטש איך האב געוואוינט צוזאמען מיט אים, האב איך זיך נישט אראפגעלערנט, איך האב זיך געהאלטן. נישט נאר ותרי"ג מצות שמרתי, נאר איך האב זיך געפירט בקדושה, איך האב זיך געפירט ערליך.

**מען** זיצט ביי א סעודת שבע ברכות פון אזא חשוב'ען חתן, וואס האט זיך מתייגע געווען אויף תורה. און עס איז נישט קיין חידוש. אויב מען האט אזא טאטע, וואס מען זעהט צו, אז שטענדיג זיצט מען און מען לערנט. יעדן שבת אינדערפרי ווען איך קום אריין אין בית המדרש זעה איך ווי ער זיצט און לערנט, און ער איז מסיים איין מסכתא נאך די צווייטע מסכתא. דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, אז אויסער דעם וואס ער איז א מחזיק תורה, זיצט ער אליין, און ער גיט אוועק שעות פאר לימוד התורה, איז נישט קיין חידוש אז מען טוט ערציען אזעלכע קינדער. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז די גאלדענע קייט זאל זיך ווייטער ציען, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. דער אייבערשטער זאל אים געבן, אז ער זאל ווייטער אויך קענען טון מצוות און מעשים טובים מיט פרייליכע הערצער, און זעהן שמחות און נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך. און פאר אונז אלע זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן זוכה זיין צו שמחות ביי אונזערע קינדער, און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

# שיחות ודברות קודש לפרשת וישלח משנת תשע"ג לפ"ק

## בהלויה של האשה החשובה מרת גאנדל ע"ה

(אשת הר"ר פנחס שמואל גאנדל הי"ו)

יום א' פרשת וישלח תשע"ג לפ"ק

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען מלווה צו זיין א אשה חשובה, א פארצייטישע יודענע פונעם פריערדיגן דור. מען געפונט ביי די מאמע שרה, זאגט די תורה הק' (בראשית כח-יא), ויהיו חיי שרה מאה שנה, ועשרים שנה, ושבע שנים, שני חיי שרה. און רש"י זאגט, כולן שוין לטובה. זי האט געלעבט הונדערט זיבן און צוואנציג יאר, און אלע יארן זענען געווען אייניג לטובה.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, יעדע מענטש האט פארשידענע זמנים אינעם לעבן. עס איז דא די יונגע יארן, און די מיטעלע יארן, און די עלטערע יארן. און יעדע זמן האט זיך זיינע מעלות און זיינע חסרונות. ווען מען איז יונג, האט מען נאכנישט דעם שכל צו פארשטיין עבודת ה', די שכל איז נאכנישט גענוג רייף, אבער אין די יונגע יארן האט מען אין זיך אסאך כח און פעאיגקייטן, און שטארקייט, וואס מען קען טון זאכן וואס מען קען נישט טון שפעטער. ווען מען קומט אויף די עלטערע יארן איז פארקערט, די כוחות לאזן שוין נאך, די זריזות איז שוין נישט דא אזוי ווי עס איז געווען אין די יונגע יארן, אבער די שכל איז רייף, מען פארשטייט וואס די ריכטיגע וועג איז, און ווי אזוי מען דארף צו דינען דעם אייבערשטען.

**ביי** שרה אמנו איז געווען כולן שוין לטובה. די מאה שנה, מיט די עשרים שנה, און די שבע שנים זענען אלע געווען אייניג לטובה. זי האט געדינט דעם אייבערשטען אלע אירע יארן, מיטן זעלבן איבערגעגעבנקייט, און מיט די זעלבע השגות פון די יונגע יארן, ביז צו די סוף.

**ווען** עס גייט אוועק א יודענע פונעם פריערדיגן דור, מען איז זיך אביסל מתבונן וואס די יודען זענען אדורכגעגאנגען ביז זיי זענען צוגעקומען, און אויפגעשטעלט אזא שטוב. די נסיונות וואס מען האט געהאט אין די יונגע יארן, מען איז איבערגעבליבן א יתומה אליין, און עס איז אדורכגעגאנגען אזא שווערער זמן, און מען האט זיך געהאלטן ביי יודישקייט, עס איז געווען א געוואלדיגער נסיון, אז מען זאל זיך האלטן ערליך, וואס זייער אסאך זענען ליידער אוועקגעפאלן. מען איז געקומען אהער קיין אמעריקא, וואס איז ווייטער געווען א מקום פון הפקרות, און מען האט געקענט זייער גרינג איבערלאזן דעם וועג, און אוועקגיין, איז עס א עקסטערע מעלה, אז עס איז געווען שני חיי שרה, כולן שוין לטובה. פון יונגערהייט אן האט מען געדינט דעם אייבערשטען אויפן זעלבן וועג ביז זיבולא בתרייתא. עס איז א געוואלדיגע חשיבות אין דעם היינטיגען דור, אז מען קען זעהן א צורה פאר זיך, פון איינעם וואס האט אפגעלעבט די יארן מיט אזעלכע שוועריקייטן, און מען האט זוכה געווען נישט נכשל צו ווערן במשך די יארן, און אויפשטעלן אזא שיינע יודישע שטוב.

*

**דער** פסוק זאגט, ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכתה, אברהם איז געקומען מספיד צו זיין שרה, און איר באוויינען, אין מדרש (ב"ר נח-ה) שטייט, מהיכן בא, פון וואו איז ער געקומען, מהר המוריה בא, ער איז געקומען פון הר המוריה. עס איז געווען פארדעם די עקידת יצחק, און פון דארט איז ער געקומען מספיד זיין שרה. שטייט אין הייליגע ספרים, ווען ער איז געקומען מספיד זיין שרה, האט ער געטראכט, וואס קען איך ארויסברענגען אויף די מאמע שרה, וואס קען איך איר מספיד זיין, וואס קען איך זאגן אויף איר א שבח, וואס קומט זיך פאר איר, ארויסצוברענגען איר גרויסקייט. 'מהר המוריה

באַ, אַז זי האָט געקענט האָבן אַ קינד וואָס איז געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאַרן אייבערשטען, זיך לאָזן שחט'ן אויפן הר המוריה, דאָס איז געווען די גרעסטע הספד וואָס אברהם אבינו האָט מיט זיך מיטגעברענגט.

**ויבא** אברהם לספוד לשרה ולבכותה. מהיכן בא, פון וועלכע נקודה איז אברהם געקומען מספיד זיין שרה. מהר המוריה בא, אַז מען זעהט וואָס פאַרא שיינע דורות מען לאָזט איבער, קינדער און אייניקלעך וואָס פירן זיך ערליך, חסידישע יודישע שטובער, אין פרץ ואין יוצאת ואין צווחה ברחובותינו, דאָס איז די גרעסטע שבח וואָס מען קען געבן פאַר אַ יודישע מאַמע, וואָס האָט אוועקגעגעבן אירע יאָרן אַז זי זאָל קענען מחנך זיין און מגדל זיין ערליכע יודישע דורות. זי איז געווען אַ מוסטער פאַר די קינדער און פאַר די אייניקלעך ווי אַזוי מען דאַרף זיך צו פירן.

*

**עס** שטייט אין **בעל הטורים**, אַז ביי ולבכתה איז דאָ אַ קליינע כ', און ער זאָגט צוויי טעמים, פאַרוואָס עס איז געשריבן אַ קליינע כ' ביי ולבכתה. עס קען זיין לענינינו, דער כ' דאָס ווייזט אויף וואָס דער פסוק זאָגט ביי אשת חיל ביי די אות כ', כפה פרשה לעני וידיה שלחה לאביון (משלי לא-כ). שרה אמנו איז דאָך געשטאַנען צו די האַנט פון אברהם אבינו מיט זיין הכנסת אורחים. אברהם איז געווען דער עמוד החסד, אָבער אַליין קען ער נישט טון. ווילאַנג ער האָט נישט זיין אשת חיל וואָס טוט אים צוהעלפן דערצו, אַז ער זאָל קענען אַריינברענגען די געסט אין שטוב, און געבן פאַר זיי צו עסן און צו טרינקען, און צוגרייטן פאַר זיי צו שלאָפן און קוואַרטיר, האָט ער געדאַרפט האָבן צו דעם שרה. און ווען שרה אמנו איז נסתלק געוואָרן, האָט ער געשפּירט אַז דער כ', דער 'כפה' פרשה לעני וידיה שלחה לאביון, איז נתמעט געוואָרן. ער האָט באַוויינט די חסד וואָס איז געווען פון איר, אַז עס וועט פעלן פאַר די אַלע וואָס זענען געקומען צו אברהם אבינו אין שטוב.

**די** נפטרת האָט געטון אַסאַך צדקה וחסד, און אַ גרויס חלק אין החזקת התורה. אוועקגעגעבן נעכט צו שטיין און צוזאַמנעמען געלט אויף חתונות, און געפירט די באַזאַר פון די נייטראַ ישיבה וכדומה, די אַלע מעשים טובים וואָס מען טוט, דאָס קומט יעצט אַקעגן, צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו (תהלים פה-יד), די גוטס וואָס מען טוט אינעם לעבן, דאָס איז די איינציגסטע זאַך וואָס טוט באַגלייטן. 'אין מלוין לו לאדם, לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות', מען נעמט זיך גאַרנישט מיט, אָבער עס איז דאָ איין כסף וזהב וואָס מען נעמט זיך יאָ מיט, 'אלא תורה ומעשים טובים בלבד' (אבות ו-י), די כסף וזהב וואָס איז געווען פאַרבינדען מיט תורה און מעשים טובים, החזקת התורה און מעשים טובים דאָס איז אַ זאַך וואָס טוט יאָ באַגלייטן. עס שטייט אין הייליגע ספרים, 'אם כסף תלוה את עמי', אויב עס איז יאָ דאָ אַ כסף וואָס טוט באַגלייטן דעם מענטש, דאָס איז 'את העני עמך' (שמות כב-כד), דאָס איז וואָס מען האָט געטון פאַר אַנדערע, דאָס נעמט מען מיט זיך מיט.

**די** נפטרת האָט געטון אַסאַך חסד, די אַלע מעשים טובים דאָס קומען יעצט אַקעגן. זי האָט איבערגעלאָזט אַזאַ חשוב'ן מאַן רבי פנחס שמואל, אַ תלמיד חכם און אַ בר אוריין, וואָס צוזאַמען האָט מען אויפגעשטעלט אַזאַ חשוב'ן דור, איז נאָר דאָ צו דערמאַנען די קינדער מיט די אייניקלעך, אַז מען זאָל קיינמאָל נישט פאַרגעסן פון די שטוב פון ווי זיי קומען. שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך (משלי א-ח), די באַשיידענקייט וואָס מען האָט געזען ביי די מאַמע און די באָבע, דאָס דאַרף מען מיטנעמען מיט זיך, און אויף דעם וועג ווייטער אויך ממשיך צו זיין דעם שלשלת הזהב. זאָל דער אייבערשטער געבן, ולא ישמע עוד שוד ושבר בגבולינו, און מען זאָל זוכה זיין בקרוב צו די הבטחה פון ומחה ה' דמעה מעל כל פנים, ונאמר אמן.

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר יחזקאל שרגא הכהן רובין הי"ו

יום ד' פרשת וישלח תשע"ג לפ"ק

**וישלח** יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו, ארצה שעיר שדה אדום (בראשית ל-ד). די ראשי תיבות פון ו'ישלח י'עקב מ'לאכים ל'פניו איז 'וימל'. ער האט געשיקט מלאכים ממש, ער האט געשיקט מלאכים פון מצות מילה. פארוואס האט ער געשיקט דוקא פון די מצוה.

**אין** די מפרשים שטייט, אז מען זעהט אז דער אייבערשטער האט מצווה געווען אז מען דארף מל'ן א קינד ביי די אכט טאג, ווילאנג דאס קינד האט נאכנישט קיין דעת און שכל, און קען נישט מכוון זיין די כוונות פון די מצוה. און דאס איז די ערשטע מצוה וואס ער איז מקיים ביי דעם קינד, און דאס גיט דעם גאנצע כח אויפן וועג שפעטער, אז דאס קינד זאל קענען אויסוואקסען א ערליכער יוד.

**דער** טעם פארוואס דער אייבערשטער האט אזוי אראפגעשטעלט די מצוה איז, כדי צו לערנען אז א יוד דארף נישט טון א זאך אויפן אייגענעם שכל, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך (משלי א-ח). דו גייסט אריין צום ברית פון תורה ומצוות, טו עס נישט מיטן אייגענעם שכל, ווי אזוי דו פארשטייסט אליין, נאר מען דארף טון ווי אזוי מען האט מקבל געווען פון די עלטערן. די עלטערן זענען מכניס דאס קינד בבריתו של אברהם אבינו, און דער טאטע, האט אים זיין טאטע מכניס געווען בבריתו של אברהם אבינו, און דאס גייט צוריק ביז אברהם אבינו, מיט א המשך און א קשר ווי א מענטש גייט נישט אריין מיט די אייגענע כוחות אין ברית פון תורה, נאר די עלטערן זענען אים מכניס, צו ווייזן אז אזוי דארף צו זיין דער יודישער וועג. גיין על דרכי אבות, אם לא תדעו לך היפה בנשים, צאי לך בעקבי הצאן (שיר א-ח), מען דארף גיין אין די עקבי הצאן. וועגן דעם מל'ט מען א קינד, ווילאנג ער האט נאכנישט קיין אייגענעם דעת, צו ווייזן אז ער טוט דאס אויפן דעת פון די עלטערן.

**וועגן** דעם וואונטשט מען אן, כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. ווען ער איז נכנס לברית, האט מען אים אריינגעפירט, ער האט עס נישט געטון אויפן אייגענעם שכל. אזוי אויך שפעטער ווען ער ווערט בר מצוה, און ער דארף אנפאנגען צו לערנען תורה, האט ער שוין זיינע אייגענע השגות ווי אזוי ער וויל לערנען, און ווי אזוי ער וויל אויסוואקסען. און אמאל קומט אויס, אז ווען ער גייט אריין צו בן שמונה עשרה לחופה, גייט ער שוין מיטן אייגענעם שכל, וואס פאר א שידוך ער זאל טון. זאגט מען, 'כשם שנכנס לברית', אזוי ווי ווען דו ביסט אריינגעגאנגען צום ברית, האט דיך דער טאטע מכניס געווען, 'כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים', אויפן זעלבן וועג, ווען עס קומט לתורה, פאלג וואס דער טאטע זאגט. ווען עס קומט לחופה, טו וואס דער טאטע האט געהייסען. אזוי דארף צו זיין דער יודישער וועג נאכצוגיין בדרכי אבות.

*

**די** מצוה פון מילה, האט אין זיך א עקסטערע מעלה, אז עס איז נישט דא דערביי קיין שום פניות. דער קינד איז דאך מקיים די מצוה, נאר ווייל דער טאטע האט אים מכניס געווען, דאס קינד אליין האט דאך נישט קיין שום זייטיגע מחשבה בשעת מען איז אים מכניס בבריתו של אברהם אבינו. עס שטייט אין די מפרשים, אז ווען דוד המלך איז אריין אין בית המרחץ, און ער האט זיך געוואלט ארומוואשן, און קוקן זיינע מעשים, ראה עצמו ערום, האט ער געזען אז ער איז ערום. יעדע מצוה האט ער חייש געווען, אפשר האט ער עס נישט געטון מיטן ריכטיגען שלימות. כיון שנזכר במילה שבבשרו, ער האט זיך דערמאנט אין די מצוה פון מילה, וואס דאס איז אים אריינגעקומען ווען ער איז נאך געווען קליין אן קיין שום פניה, מיט דעם איז נתיישבה דעתו (מנחות מג:), מיט דעם האט ער זיך בארואיגט.

**ווען** יעקב וויל שיקן מלאכים צו עשו, אז זיי זאלן קענען מכניע זיין דעם עשו, האט יעקב דער איש תם געטראכט אויף יעדע מצוה וואס ער האט געטון, אז אפשר האט ער עס נישט געטון מיטן ריכטיגען שלימות, און דער מלאך איז אויך נישט שלם, אז ער זאל אים קענען שיקן צו עשו. האט ער געשיקט מלאכים פון מצות מילה, ווייל מצות מילה דאס האט ער מקיים געווען בשלימות, דער טאטע יצחק אבינו האט אים מכניס געווען בבריתו של אברהם אבינו, און אזוי האט ער מקיים געווען די מצוה. דאס איז א מצוה וואס דער מלאך דערפון איז אויפן העכסטען שלימות, ער האט אין זיך דעם כח פון יצחק וואס האט אים אריינגעברענגט בבריתו של אברהם אבינו, דעם מלאך קען ער שיקן, און ער וועט קענען מכניע זיין עשו.

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת ויצא תשע"ג לפ"ק ונשנו בהשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת וישלח תשע"ג לפ"ק

**איך** האב געטראכט א ענין נפלא די וואך וואס איז נוגע צו די פרשה, און איך וועל עס מקדים זיין מיט א גמרא. די גמרא (יבמות סב:) זאגט, אז רבי עקיבא האט געהאט פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים, און לא נהגו כבוד זה לזה, זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען איינער פארן צווייטען, און די אלע פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים זענען געשטארבען אין איין יאר, פון פסח ביז שבועות. און אלע זענען געשטארבען פון א שווערע מיתה, מיתת אסכרה. און דאס איז דער ענין וואס ל"ג בעומר איז א יום טוב, שפסקו למות, די תלמידים פון רבי עקיבא האבן אויפגעהערט צו שטארבן, איז געווארן א שמחה, עס איז יום טוב.

**עס** איז הפלא ופלא, מען רעדט פון די תלמידים פון רבי עקיבא, וואס זענען נישט געווען קיין פשוטע יונגעלעך, אפילו א ערענטליכער גוי להבדיל, איז נוהג כבוד זה בזה. ווי אזוי קען מען זאגן, אז די תלמידים פון רבי עקיבא האבן נישט נוהג כבוד געווען איינער מיטן אנדערן?! און עס זאל נישט זיין איין תלמיד, פון די אלע תלמידים, וואס זאל יא נוהג כבוד זיין. האט מען שוין געהערט אזאנס? מען האט פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים, און יעדער איינער איז נישט נוהג כבוד איינער מיטן צווייטען, עס איז א געוואלדיגע פלא צו פארשטיין.

**און** עס איז געווארן א שמחה ל"ג בעומר, אז זיי האבן אויפגעהערט צו שטארבן. ווען מען וואלט אויפגעהערט צו שטארבן אינדערמיט, און צוועלף טויזנט וואלטן געבליבן לעבן, איז עס א שמחה. אבער ווען אלע פיר און צוואנציג טויזנט זענען געשטארבען, וואס נאך זאל מען זיי טון. עס איז דאך שוין נישט דא וואס מען קען זיי מער טון, דאס איז א שמחה? זיי האבן דאך אלע געהאט זייער עונש.

**מען** ווייסט, אז דער **אר"י הק'** האט מגלה געווען אסאך ענינים פון גלגולים, פון די שפעטערדיגע דורות, וואס זענען איבערגעגאנגען פונעם פריערדיגן דור, וואס עס האט זיך אלעס אויסגעשטעלט אויף שפעטער. **רבי שמשון אוסטראפאליע** ברענגט צו (**לקוטי שושנים**, בסוף ספר **דן ידין**), אז עס שטייט פונעם **אר"י הק'**, אז זייט די חטא פונעם עץ הדעת איז דאך אויסגעמישט געווארן טוב ברע, און עס איז דא ניצוצים פון נשמות וואס זענען אריינגעפאלן ביי אומות העולם. און אין דעם שכם, איז געווען א הייליגער ניצוץ. און מיט דעם וואס ער האט געהאט א שייכות מיט דינה, איז ארויסגענומען געווארן די ניצוץ פון קדושה וואס ער האט געהאט אין זיך, און פון דעם איז שפעטער ארויסגעקומען רבי עקיבא.

**דער רמ"ע מפאנו** (מאמר אם כל חי ח"א פ"ג) זאגט, אז די אלע אנשי שכם וואס מען האט זיי געהייסען מל'ן, און מען האט זיי נאכדעם גע'הרג'ט, די אלע האבן געהאט אין זיך ניצוצי

קדושה, און שמעון ולוי האבן געוואוסט די שורש פון זייער נפש, האבן זיי געוואלט אריינברענגען די אלע אנשי שכם אין די קדושה, האט מען זיי געהייסען קודם אז זיי זאלן זיך מל'ן, און נאכדעם וואס זיי האבן זיך גע'מל'ט האט מען זיי גע'הרג'ט, און מיט דעם האבן די ניצוצי נשמה פון די אנשי שכם געהאט א עילוי. און ער זאגט, אז די אנשי שכם וואס האבן זיך גע'מל'ט, און מען האט זיי נאכדעם גע'הרג'ט, זענען געווען פיר און צוואנציג טויזנט מענטשען.

**די** פיר און צוואנציג טויזנט מענטשען וואס זענען געווען פון שכם, זענען זייערע נשמות שפעטער ארייגעקומען אין כלל ישראל, און זיי זענען געווען ביי די מעשה פון זמרי. עס שטייט אין פסוק (במדבר כה-ט) אז עס זענען געשטארבען פיר און צוואנציג טויזנט מענטשען. דאס איז געווען די זעלבע פיר און צוואנציג טויזנט מענטשען פון די אנשי שכם. דעמאלטס זענען זיי געווען גוים, און אזוי ווי מען האט זיי דעמאלטס מעלה געווען, איז די ניצוץ פון זייער נפש ארייגעקומען אין כלל ישראל, און די פיר און צוואנציג טויזנט מענטשען זענען אלע נאכדעם נכשל געווארן ביי די מעשה פון זמרי, און זיי זענען דעמאלטס געשטארבען אין א מגפה.

**זאגט** דער הייליגער **רמ"ע**, די פיר און צוואנציג טויזנט מענטשען זענען נאכדעם געווארן די תלמידים פון רבי עקיבא. אלץ איז געגאנגען די עילוי פון זייער נפש העכער און העכער. די פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים פון רבי עקיבא, זענען די זעלבע מענטשען וואס זענען געווען ביי זמרי, און די זעלבע וואס זענען געווען די אנשי שכם. אזויפיל שטייט פונעם **רמ"ע מפאנו**.

**עס** איז ניתן להאמר, אז די פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים פון רבי עקיבא, זענען געווען גרויסע מענטשען, וואס האבן משיג געווען זייער שורש נשמה, אז זיי האבן אויף זיך א פגם פון די מעשה פון זמרי, און אז זיי זענען פון די אנשי שכם. און זיי האבן צווישן זיך געהאט א אפמאך, אז כדי זיי זאלן אפקומען אויף די וועלט וואס מען דארף ממרק זיין זייערע חטא, זאלן זיי נישט נוהג כבוד זיין זה בזה. עס איז געווען אפגעשמועסט צווישן זיי, אז איינער זאל מבזה זיין דעם צווייטען, און נישט נוהג כבוד זיין, כדי זיי זאלן האבן א תיקון. די גמרא (בבא מציעא נח:) זאגט, אז ווען מען איז מלבין פני חבירו ברבים, דאס איז א בחינה פון מיתה, אזל סומקא ואתי חיורא. עס איז נישט געווען סתם אזוי, אז זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען זה בזה, אלץ א זלזול איינער אינעם צווייטען, נאר עס איז געווען אפגעמאכט צווישן זיך, אז זיי זאלן נישט נוהג כבוד זיין זה בזה, כדי זיי זאלן האבן א תיקון.

**און** אלע פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים פון רבי עקיבא זענען טאקע געווען אין דעם, ווייל עס איז געווען א אפמאך צווישן זיך, אז זיי זאלן נישט נוהג כבוד זיין איינעם אינעם צווייטען. און מיט דעם וואס זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען זה בזה, האבן זיי מתקן געווען אלעס וואס איז אדורכגעגאנגען פון פריער, אז עס איז פסקו למות, זיי האבן שוין מער נישט געדארפט אראפקומען אויף די וועלט, און נאכאמאל אדורכגיין זייער גלגול, זיי האבן אויפגעהערט צו שטארבען, זיי האבן אלעס מתקן געווען. קומט אויס, נישט ווי מען לערנט כפשוטו, אז די פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים האבן נישט נוהג כבוד געווען זה בזה, און עס איז געווען א עונש פאר זיי, דאס וואס זיי זענען געשטארבען. נאר דער תיקון פון זייער נפש איז געווען, אז זיי זאלן נישט נוהג כבוד זיין איינער אינעם צווייטען, און דורכדעם זענען זיי צוגעקומען צו זייער שלימות.

**וועגן** דעם זענען זיי אלע געשטארבען במיתת אסכרה, ווייל די אלע וואס זענען געווען בי די מעשה פון זמרי, שטייט אין פסוק (במדבר כה-ב) ותקראן לעם לזבחי אלהיהן, ויאכל העם וכו', זיי האבן געגעסן תקרובת עבודה זרה, וואס דאס איז א זאך וואס הייבט זיך אן בפה, און עס ענדיגט זיך אין די בני מעיים. די גמרא (שבת לג:) זאגט, אז אסכרה איז א מחלה וואס הייבט זיך אן אין די בני מעיים, און עס ענדיגט זיך אינעם מויל. און זיי האבן דעמאלטס געהאט זייער תיקון אויף דעם וואס זיי האבן פוגם געווען פון

פריער, מיטן מויל און די מעיים, איז ממילא זייער מיתה אויך געקומען אין א בחינה פון מיתת אסכרה, וואס הייבט זיך אן אין די בני מעיים, און עס ענדיגט זיך אינעם מויל.

**עס** שטייט פון **רבי שמשון אוסטראפאליע**, אז דער פסוק (לה-א) זאגט, ויאמר אלקים אל יעקב, דער אייבערשער האט געזאגט צו יעקב, קום עלה בית א-ל, ושב שם, ועשה שם מזבח וכו', זאגט **רבי שמשון אוסטראפאליע**, אז די ראשי תיבות פון י'עקב ק'ום ע'לה ב'ית א'-ל, איז עקיב"א. דער אייבערשטער האט מודיע געווען פאר יעקב אבינו, דו וועסט האבן א חידוש, פארוואס מען האט אזוי צוגעפירט די מעשה פון שכם מיט דינה, עס איז געווען מיט א חשבון פון אויבן אין הימל, אז די ניצוץ וואס איז ארויסגעקומען פון דארט, פון דעם וועט שפעטער אויסוואקסן רבי עקיבא. אזוי שטייט פון **רבי שמשון אוסטראפאליע**.

**פארוואס** האט עס דער אייבערשטער געזאגט פונקט יעצט. ווען ער האט אים געהייסען קום עלה בית א-ל, האט ער אים מודיע געווען אז עס וועט זיין די נשמה פון רבי עקיבא. ווייל דער אייבערשטער האט געזאגט פאר יעקב, אז ער האט מאחר געווען זיין נדר, ער דארף צוריקגיין קיין בית א-ל, ועשה שם מזבח לא-ל הנראה אליך בברחך מפני עשו אחיך, דו האסט דאך געמאכט א נדר דארט, אז טאמער דער אייבערשטער וועט דיר מציל זיין, וועסטו צוריקקומען, און והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלקים (כח-כב), דו דארפסט מקיים זיין דיין נדר. פארוואס דארף עס דער אייבערשטער דערמאנען פאר יעקב, יעקב אליין ווייסט נישט אז ער דארף מקיים זיין דעם נדר?

**מען** געפונט אויבן אין די פרשה, אז יעקב האט געזאגט, אם יהיה אלקים עמדי, ושמרני בדרך הזה אשר אנכי הולך, אויב דער אייבערשטער וועט מיר אפהיטן, ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש, ושבתי בשלום אל בית אבי, והיה ה' לי לאלקים, און ווי רש"י זאגט, שלא ימצא פסול בזרעי, און עס וועט נישט זיין א פסול אין מיינע קינדער, שיחול שמו עלי מתחלה ועד סוף. האט דאך יעקב געזאגט, ווען וועל איך מקיים זיין מיין נדר, ווען עס וועט נישט זיין קיין פסול בזרעי. ווען ער האט געהאט די מעשה מיט דינה, האט ער געהאט א פסול בזרעו, האט ער געהאלטן אז ער דארף נישט מקיים זיין, זיין נדר. אבער פונעם אייבערשטען איז דאך געווען א חשבון, אז דאס איז נישט א פסול בזרעו, ווייל פון דעם האט געדארפט ארויסקומען שפעטער רבי עקיבא. האט אים דער אייבערטער געזאגט, קום עלה בית א-ל, ועשה שם מזבח, דו זאלסט יא גיין מקיים זיין דיין נדר, ווייל דאס וואס די מיינסט אז עס איז דא א פסול בזרעי פון די מעשה פון דינה מיט שכם, דאס האט נישט פאסירט אלץ א פסול, נאר דאס האב איך מזמין געווען פאר דיר ווייל עס דארף ארויסקומען פון דעם רבי עקיבא, אבער דו ביזט מחוייב מקיים צו זיין יעצט דיין נדר פון והיה ה' לי לאלקים.